בס"ד

# פרד"ס יהודה

עלון שבועי באידיש ע"י יהודה זבולון הלוי קליטניק

**פרשת אחרי קדושים תש"פ** פרק ג **גליון 549 [שנה י"ב]**

**א פירוש אויף א מדרש פליאה וועגן מיתת שני בני אהרן!**

אַחֲרֵי מוֹת שְׁנֵי בְּנֵי אַהֲרֹן בְּקָרְבָתָם לִפְנֵי ה' וַיָּמֻתוּ: (טז א) עס איז דא א מדרש פליאה "כיון שנכנסו שני פוליסון בחוטמיהון של **בני אהרן אמרו מה"ש לפני הקב"ה למה קרעת להם הים? מיד השיבו שרפי קדש ואמרו** הֲשִׁיבֵנוּ ה' אֵלֶיךָ וְנָשׁוּבָה **חַדֵּשׁ יָמֵינוּ כְּקֶדֶם**." (ילקוט אליעזר פאקש ערך מדרשים שונים אות קי"א מספר עיר דוד. אגב דער מ ד ר ש פליאה ברענגט דער ספר חמרא טבא, פון בארניבער רב, פון ספר ישמח משה פ' אחרי אבער דארטן איז דאס אנדערש, אבער נאכדעם האב איך געזען אין ס' דברי יואל פ' אחרי וואס צייכנט דעם מדרש פון ספר דמשק אליעזר עיי"ש)

שטייט אין הייליגן ספר ישמח משה (פ' אחרי) אז דער מדרש (ויקרא רבה פ"כ) שרייבט פארוואס זענען נדב ואביהוא געשטארבן, **לפי שלא נשאו להם נשים**, איז מסביר די הייליגע ספרים: ווען דער אויבערשטער האט געוואלט באשאפן די וועלט איז געווען די **מחשבה זכר ונקבה בראם**, אז עס וועט באשאפן ווערן גלייך א זכר און א נקבה, ממילא וועט אדם הראשון זיין א גאנצע גוף, אבער במעשה האט דער אויבערשטער באשאפן אדם אליין און פון אדם האט ער באשאפן חוה, ממילא איז אדם נאר געווען א האלבע גוף –**פלג גופא**– און די נפק"מ איז, אויב אדם איז א גאנצע גוף דארף ער נישט חתונה האבן, אבער אויב ער איז א פלג גופא דארף ער חתונה האבן. ממילא נדב ואביהוא האבן געהאלטן אז מען דארף גיין נאך די מחשבה, אז אדם איז געווען א גוף שלם, ממילא איז מען נישט מחוייב חתונה צו האבן אויב מען וויל נישט, אבער מיר האלטן אז מען גייט יא נאך די מעשה, און אדם איז געווען א פלג גופא, און א מענטש איז מחויב צו חתונה האבן דעריבער זענען זיי געווען חייב מיתה שלא נשא נשים עכ"ד הישמח משה עיי"ש.

יעצט עס שטייט אין מדרש (שמות פכ"א) אז דער יַם האט זיך נישט געוואלט שפאלטן פאר די אידן מיטן טענה אז די יַם איז באשאפן געווארן יום שלישי, און דער מענטש יום הששי, זענען זיי עלטער, אבער מיר ווייסן אז סוף מעשה במחשבה תחילה, אז די מחשבה פון בריאת האדם איז געווען פאר די יַם, ממילא איז גוט פארוואס מען האט געדארפט שפאלטן דעם יַם, אבער נאכדעם וואס די צוויי פולוסין פון פייער האבן פארברענט **נדב ואביהוא**, ווייל **לא נשאו נשים**, און דאס איז א ראיה אז מען גייט נישט בתר מחשבה, נאר מען גייט בתר מעשה, און א אדם איז נאר א פלג גופא און דארף חתונה האבן, און דערפאר איז די יַם במעשה באשאפן געווארן פאר די מענטש, איז ער עלטער, און האט זיך נישט געדארפט צושפאלטן פאר זיי! האבן די מלאכים שרפי קודש געענטפערט דעם פסוק הֲשִׁיבֵנוּ ה' אֵלֶיךָ וְנָשׁוּבָה. ווייל מען פרעגט ווי אזוי העלפט תשובה אויף א עשה, ווייל בשלמא אויף א לא תעשה, האט מען תשובה געטאן, און עס איז אזוי ווי מען האט אויסגעמעקט דעם לאו, אבער ביי א עשה, למשל מען האט נישט גענומען א אתרוג, אפילו מען האט תשובה געטאן, אבער למעשה האט מען נישט געהאט א אתרוג? ענטפערט די **בעל התניא** אין סידור הרב פון די פריערדיגע, אז תשובה איז דאך באשאפן פאר די וועלט, און ווען א מענטש טוט תשובה איז ער אריין אין די שורש התשובה, און ער איז אזוי ווי ער איז געבוירן פאר די וועלט, און דעמאלטס איז נאך נישט געווען די מצות עשה, און אזוי איז ער מתקן די מצות עשה. לויט דעם איז גוט וואס די שרפי קודש האבן געענטפערט וועגן תשובה, וואס דורך תשובה ווערט מען א בריאה פאר די וועלט, און עס שטייט ופרעה הקריב, אז די אידן האבן תשובה געטאן ביים ים, ממילא זענען זיי געווען פאר די בריאה און זענען עלטער פון די ים, דעריבער איז דער ים שטיל געווארן ופלא הוא! (דורש טוב לשבת הגדול בספר חמרא טבא)

**ווילסט ווערן הייליג, וועסטו ווערן הייליג**

דַּבֵּר אֶל כָּל עֲדַת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וְאָמַרְתָּ אֲלֵהֶם קְדֹשִׁים תִּהְיוּ כִּי קָדוֹשׁ אֲנִי ה' אֱלֹקֵיכֶם: (י"ט ב) שטייט אז משה זאל רעדן צו גאנץ כלל ישראל: קְדֹשִׁים תִּהְיוּ, און זיין הייליג עכ"פ אזוי ווי א מלאך, און אין כלל ישראל זענען דא געווענוג מענטשן וואס מוזן ארויסגיין אין מסחר, און פונדעסטוועגן פאדערט מען פון זיי א גרויסע מדריגה פון קדושה! נאר באמת קְדֹשִׁים תִּהְיוּ מיינט א לשון הזמנה און הכנה, דער אויבערשטער פאדערט אז מען זאל זיין גרייט צו מקבל זיין די קדושה, און הַבָּא לְטַהֵר, א איד וואס וויל זיין הייליג, און ער גרייט זיך צו דעם, איז אין וואספאר א מצב ער איז, מסייעין אותו, העלפט אים דער אויבערשטער (שבת דף ק"ד ע"א) דאס מיינט קְדֹשִׁים תִּהְיוּ, א איד זאל זיך אנגרייטן צו זיין הייליג, דעמאלטס כִּי קָדוֹשׁ אֲנִי, וועט דער אויבערשטער אים שוין העלפן אז ער וועט ווערן הייליג. אזוי ווי עס שטייט (משלי כז יט) כַּמַּיִם הַפָּנִים לַפָּנִים, און אויך (שם ח יז) וּמְשַׁחֲרַי יִמְצָאֻנְנִי: דער וואס זוכט מיר וועט ער מיר טרעפן. (לקוטי מהר"ם מלינסק שנת תקנ"ט)

**נאר דער אויבעשטער האט שלימות ביי קדושה**

קְדֹשִׁים תִּהְיוּ כִּי קָדוֹשׁ אֲנִי ה' אֱלֹקֵיכֶם: (י"ט ב) שטייט אין מדרש (פכ"ד ס"ט) יכול כמוני תלמוד לומר כִּי קָדוֹשׁ אֲנִי, קדושתי למעלה מקדושתכם. צו פארשטיין וואס איז די הוה אמינא כמוני אזוי ווי דער אויבערשטער! נאר מען קען דאס מסביר זיין מיט א דיוק, די ווארט "קְדֹשִׁים" שטייט חסר אן א וי"ו, אבער כִּי "קָדוֹשׁ" אֲנִי שטייט מיט א וי"ו, נאר דאס קומט מען צו זאגן אז א מענטש מוז זיך מקדש זיין אבער פונדעסטוועגן וועט ער נאר קענען אנקומען צו שער המ"ט דקדושה או נישט שער נ' דקדושה, וואס דאס איז די שלימות הקדושה וואס די מדריגה שלימות הקדושה איז נאר ביים אויבערשטן. דאס שטייט קְדֹשִׁים תִּהְיוּ, א מענטש קען צו קומען צו הויכע מדריגות בקדושה, אבער נאר ביז שער מ"ט, יכול כמוני, וואלט א מענטש געמיינט ער קען אנקומען צו שער הנ' ת"ל כִּי קָדוֹשׁ אֲנִי, קְדוּשָּׁתִי, מיין מדריגה פון שער נ', לְמַעְלָה מקדושתכם. הלואי זאל מען זוכה זיין אנצוקומען צו שער מ"ט דקדושה וואלט אויך געווען גאר גוט אמן. (גבעת פינחס ביליצער)

## דרוש אויף פרקי אבות פרק ג

## "וואס הייסט במושב לצים לא יישב"

רַבִּי חֲנַנְיָא בֶּן תְּרַדְיוֹן אוֹמֵר, שְׁנַיִם שֶׁיּוֹשְׁבִין וְאֵין בֵּינֵיהֶן דִּבְרֵי תוֹרָה, הֲרֵי זֶה מוֹשַׁב לֵצִים, שֶׁנֶּאֱמַר (תהלים א), וּבְמוֹשַׁב לֵצִים לֹא יָשָׁב. (פ"ג משנה ב) אין ספר **אַבְנֵי אֵלִיָּהוּ** (פון הרה"ק ר' אליהו אב"ד לעוולעק האט הסכמה פון אמרי יוסף מספינקא און נאך) (פ' דברים ד"ה ועוד י"ל) ברענגגט ער פון הרה"ק מקאלוב זיע"א א שיינעם מהלך אויף דעם מאמר חז"ל: ווייל עס איז שווער פון וואו לערנט מען ארויס פון דעם פסוק אז שְׁנַיִם שֶׁיּוֹשְׁבִין וְאֵין בֵּינֵיהֶן דִּבְרֵי תוֹרָה, איז וועגן מוֹשַׁב לֵצִים, אפשר ווייל זיי האלטן נישט

ביי לערנען אבער זיי זענען נישט קיין לֵצִים? נאר מען דארף פארשטיין פארוואס שטייט וּבְמוֹשַׁב לֵצִים לֹא יָשָׁב און נישט וּבֵין לֵצִים לֹא יָשָׁב? נאר עס איז באוואוסט אז א פלאץ וואס מען האט דארטן געטאן א עבירה, איז גורם פאר דער וואס וועט דארטן זיצן, אויך צו טאן עבירות, וויל די סטרא אחרא רוהט דארטן, דאס מיינט וּבְמוֹשַׁב לֵצִים, אין דעם פלאץ וואס זענען געזעצן לצים, לֹא יָשָׁב, זאלסטו נישט זיצן, דאס מיינט די משנה: שְׁנַיִם שֶׁיּוֹשְׁבִין וְאֵין בֵּינֵיהֶן דִּבְרֵי תּוֹרָה, זאלסטו וויסן פארוואס לערנען זיי נישט, ווייל הֲרֵי זֶה מוֹשַׁב לֵצִים, דארטן זענען געזעצן לֵצִים, און דאס לאזט זיי נישט לערנען און די ראי׳ איז פון די ווארט וּבְמוֹשַׁב, דער פלאץ איז גורם עכ״ד. לויט דעם שרייבט דער ספר הין צדק, אז מען קען אויך מסביר זיין די גמ׳ (קידושין דף מא ע״א) וכל שאינו לא במקרא ולא במשנה ולא בדרך ארץ, דער וואס לערנט נישט, דוּר הֲנָאָה מִמֶּנוּ, זאלסטו נישט הנאה האבן פון אים און דערווייטער זיך, שנאמר (תהלים א), וּבְמוֹשַׁב לֵצִים לֹא יָשָׁב. מוֹשָׁבוֹ מוֹשַׁב לֵצִים עכ״ל הגמ׳. דא איז אויך דער זעלבער ענין, פארוואס האבן זיי נישט געלערנט, ווייל מוֹשָׁבוֹ מוֹשַׁב לֵצִים, זיי האבן געזעצן אין אזעלכע פלעצער וואס איז געווען די השראה פון סטרא אחרא, ממילא דערווייטער זיך פון זיי, ווייל זיי קענען משפיע זיין אויך אויף דיר ע״כ. (הין צדק להרה״ק ר׳ מנחם מענדל שפירא תלמיד הייטב לב ועוד)

## מדור העובדות

### ****** געגעבן דרייסיג רובל פאר זיין רבין אויף פסח און איז געווארן א עושר ******

דער הייליגער צדיק ר׳ שלמה יהודה ליב מלענטשנא איז געווען א תלמיד פון הייליגן חוזה מלובלין און פון הייליגן פשיסחא און הרה״ק ר׳ מנחם מענדל מרימינוב זיע״א זיין יארצייט איז י״ט ניסן תר״ג. זיינע תורות האט מען געדוקט אין ספר תורל הרש״ל ער איז געווען די טאטע פון הייליגן צדיק הרה״ק ר׳ יהושע מאוסטרובה בעל תולדות אדם דער מייסד פון חסידות ביאלא.

ווען ער האט אנגעפאנגען צו פירן זיין הויף אין לענטשנא האט ער געהאט זייער ווייניג חסידים, איינע פון זיינע חסידים האט געהייסן ר׳ בעריל רייצעס, וואס איז געווען א סוחר, א פעדלער, און פארקויפט פארשידינע זאכן, און געהאט פרנסה אויף וויפיל ער האט געדארפט, איינמאל פאר פסח איז ער געקומען זיך פראווען ביי זיין רבין ר׳ שלמה ליב און ער האט אים געבעטן אז זיינע געשעפטן זאלן זיך הויבן ווייל די משפחה וואקס שוין אונטער, האט ר׳ שלמה ליב אים געפרעגט, וויפיל געלט פארמאגט ער? האט ער געמאכט א חשבון און געענטפערט אז ער פארמאגט 240 גאלדענע רענדלאך וואס דאס איז 36 רובל,

האט ר׳ שלמה ליב געזאגט אז ער דארף יעצט האבן 30 רובל פאר יו״ט און אויב ער וועט אים דאס אוועקגעבן וועט ער אים צוזאגן עשירות. האט ר׳ בעריל געענטפערט אז פון זיין זייט גיט ער דאס אוועק צום רבין, אבער ער מוז דאך גיין פרעגן זיין ווייב צו זי איז מסכים! האט ר׳ שלמה לייב געזאגט אז ער פארשטייט און זאגט אוודאי גיי פרעג איר! ר׳ בעריל דערציילט זיין ווייב וואס דער רבי האט פארלאנגט, און אז ער האט צוגעזאגט עשירות אויב מען וועט אים דאס אוועקגעבן, און ער זאגט פאר זיין ווייב אז זאלסט וויסן אז דאס מיינט אז מען וועט מוזן מאכן פסח מיט די 6 רובל און דער אויבערשטער וועט שוין העלפן אז נאך פסח וועט זיין ווייטער געלט!

זיין ווייב ענטפערט אים: אז מיר קענען שוין דעם רבין און ער איז נישט קיין גזלן, און אז ער זאגטצו ווייסט ער וואס ער זאגט, און איך האלט זאלסט אים אוועקגעבן די 30 רובל, ר׳ בעריל ברענגט די געלט פארן רבין און ער ווינטשט אים אן.

גלייך נאך פסח האט דער רבי זיך דערוואוסט אז די פריץ מיט אלע זיינע אפיצירן גייען אנקומען קיין לענטשנא און זיי דארפן איינקויפן גאר אסאך זאכן פאר זיין שטאט, און אויך פאר די אפיצירן, און ר׳ שלמה לייב האט געשיקט רופן ר׳ בעריל אז גלייך ווען דער פריץ קומט אן זאל ער שוין גיין צום פריץ און זיך פארשטעלן אלץ א גרויסע סוחר און זאג אים אז דו ווילסט ווערן זיין מעקלער פאר אלעם וואס ער דארף איינקויפן און דער אויבערשטער וועט דיר העלפן מיט גרויס עשירות פון דעם!

ויהי היום דער פריץ איז אנגעקומען און ר׳ בעריל האט זיך געטראפן מיטן פריץ און געטראפן חן ביים פריץ, און דער פריץ האט אנגעזאגטאז עס פעלט אים נישט קיין געלט און ער ווייל מען זאל אים ברענגען נאר די בעסטע סחורה. און ר׳ בעריל האט אנגעפאנגען ברענגען סחורה פארן פריץ, און די פריץ איז געווען צופרידן, אבער פארשטייט זיך אז אנדערע האבן אויך געוואלט אונטער האקן ר׳ בעריל, און האבן פרובירט צו ברענגען סחורה פארן פריץ, אבער אלעם וואס זיי האבן געברענגט האט נישט געטראפן חן ביים פריץ און ער האט אלעמאן געענטפערט אז ר׳ בעריל איז אים געטריי און ברענגט אים די בעסטע סחורה!

די סוחרים האבן געזען אז עס געלונגט זיי נישט צו קענען האנדלען מיטן פריץ, האבן זיי געבעטן פון ר׳ בעריל אז זיי ווילן ארבעטן מיט אים און אים ברענגען אויך גוטע סחורה און אזוי באקומען חאטש א קליין חלק פון די געשעפטן! האט ר׳ בעריל געגאנגען פרעגן דעם רבין וואס ער זאל טאן? האט דער רבי אים געזאגט קלארע דיבורים, ער זאל נישט אריינמישן דא קיין איין סוחר, זאלסטו וויסן אז איך האב ממשיך געווען אז דעם פריץ זאל קומען דא אין שטאט נאר פאר דיר, ממילא האבן זיי נישט וואס צו מאכן געשעפטן מיטן פריץ! ר׳ בעריל איז געבליבן דער מעקלער פארן פריץ און איז געווארן א גרויסע עושר, און האט זיך משדך געווען מיט עטליכע צדיקים און האט אויך מאריך ימים געווען מיט עשירות. אלעם ווייל ער האט געהאלפן דעם צדיק זיע״א (מאמר מרדכי ווינוגורא)

*הוצא לאור ע״י "עולם הספרים" מרכז העולמי לספרים שאינם בנמצא ולספרים עתיקים וכתבי יד צו פארקויפן- א שיינע מתנה*

א שיינע בריוו פון ראגאטשבער גאון, ספר באלאנגט צום מלבים, טור או״ח ווילנא תר״ם מיט חתימות און הגהות רבני טשענגער, עת לעשות ערשטע דרוק פון הרה״ק ר׳ הילל קאלאמייא אז שמירה און סגולה ספר, ספר שו״ת יד יוסף תרל״ד פון הרה״ג ר׳ יוסף יואל דייטש מיט שיינע הגהות כת״י א חתימה פון הרה״ג ר׳ יעקב דובער הלוי הורוויץ $800 ספר קן מפורשת עם נחלת צבי דפוס ראשון הנודע לסגולה למלא כל הבקשות, א שיינע בריוו פון הגאון ר׳ חיים עוזר צוזאמען מיט זיין ברודער הגאון ר׳ אברהם צבי, סעט מחזורים זיטאמיר אשכנז, שו״ת מים חיים געדרוקט אין זיטאמיר, ספר דברי יהושע מאניסטריטש דפוס ראשון בארדיטשוב, 40 גמרות פון זיטאמיר $5000, מס׳ עירובין פון סלאוויטא ר׳ משה שפירא. מכתב הרה״ק מהוסיאטין, תיקון ליל שבועות דפוס סלאוויטא, מדרש רבה דפוס זיטאמיר, קוויטל שכתב החזון איש על אחורי מכתב שנשלחו לו, ספר וואס האט באלאנגט צו הר׳ אברהם פאם, ספר מיט חתימת הגאון ר׳ יעקב קמינצקי, א בריוו פון ר׳ יעקב קמינצקי פרעגט אין טלפון אדער אימייל די אלע פרייזן און אויך וועגן אנדערע ספרים און בריוון,

**Until further notice call 13472178260 or email at: seforim@gmail.com, to order or to pick up orders To receive pardes: send to - pardesyehuda1@gmail.com *WWW.SEFORIMWORLD.COM***

מיר ווינטשן אלע א פרייליכן און א געזונטן חודשא רשימה פון אונזער ספרים און בריוו צו באקומען מיר פארקויפן זילבערנע מטבעות פאר מחצית השקל און פדיון הבן און פאר פדיון נפש דער גליון איז מוקדש לעי״נ מיין פלימעניק הבה״ה יוחנן ע״ה בן יחזקאל בנימין רובי נ״י – – ו׳ סיון תשע״ט טוב שם טוב משמן טוב! אויך זאל דער גליון זיין א זכות פאר אלע מיינע ידידים וואס זענען ל״ע קראנק געווארן, זאלן זיי האבן א גאנצע רפואה במהרה אמן